ב"ה




פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת תרומה, ה' אדר תשס"ז
גליון 3, מספר 16




# פרשת תרומה

**ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם** - מאך פאר מיר א מקדש, וועל איך רוען אין זיי. זאגן אויף דעם אונזערע חז"ל, אז די שכינה רוהט אין זיי - ביי אידן, **בתוך כל אחד ואחד מישראל**, ביי יעדער איינצלנעם אידן.

מיר געפינען אין א צווייטן ארט אין חז"ל, וואו עס ווערט געזאגט, **"בכל מקום שגלו שכינה עמהן"** - וואו נאר אידן זיינען פארטריבן געווארן אין גלות איז די שכינה מיט זיי.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי מאמרי חז"ל איז: "שכינה עמהן" מיינט, אז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט יעדער אידן (אין דער זעלבער שטאט און אין דער זעלבער גאס וואו דער איד געפינט זיך): אבער דער טייטש פון "ושכנתי **בתוכם**" איז, אז דער אויבערשטער געפינט זיך (און רוהט) אין יעדער אידן, אין זיין הארצן אינעווייניק.

און וויבאלד אז די הארץ באאיינפלוסט אלע אברים, ביז אז זי באלעבט זיי, איז דאך פארשטאנדיק, אז ווי א איד דערוועקט נאר זיין אידישע הארץ, האט ער די פולע מעגלעכקייט דורכצופירן אז אלע זיינע מעשים, אלע דיבורים און אלע מחשבות, זאלן זיין אנגעפילט מיט אידישקייט - ווארום ס'איז ניטא קיין זאך וואס זאל קענען שטעלן זיך קעגן דעם אויבערשטן וואס געפינט זיך אין זיין אידישער הארץ.

די וועג אריינצוברענגען דעם אויבערשטן צו זיך אינעווייניק, אין זיין אידישער הארץ, אויך בזמן הגלות - איז דורך לערנען תורה.

ווייל אויף תורה זאגט דער אויבערשטער **"ויקחו לי - אותי אתם לוקחים"** : דורך דעם וואס מען נעמט די תורה, נעמט מען דעם אויבערשטן.

און תורה באלאנגט דאך צו אלע אידן, ווי עס שטייט **"תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"**. אז יעדער איד, ווי ער ווערט נאר געבארן, האט ער בירושה די גאנצע תורה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דורך משה רבינו.

ובמילא, דורך דעם וואס מען לערנט די תורה, אנהויבנדיק פון דעם פסוק **"תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"** - וואס דאס הויבט מען אן צו לערנען מיט א אידיש-קינד גלייך ווי ער פאנגט אן צו ריידן - ווערט דורך דעם אנטפלעקט זיין פארבונד מיט דער תורה און מיט'ן אויבערשטן, וואס **"אורייתא וקודשא- בריך- הוא כולא חד"** (תורה מיט דעם איבערשטן איז איינס).

און דורך דעם וואס אידן אנטפלעקן דעם מקדש וואס געפינט זיך אין זייער הארץ (דער "ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד") וועט מען זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו, וואס **"יבנה מקדש במקומו"**, ער וועט אויפבויען דעם מקדש אויף זיין ריכטיקן ארט, וואס דאס איז דער אמת'ער ארט פון דעם אמת'ן משכן און מקדש פון דעם אויבערשטן במהרה בימינו ממש. *משיחת ל"ג בעומר*

טייערע קינדער שלוחים שיחיו,

א פריילינכן חודש אדר! ווי וויכטיג איז א שמייכל!

אמאל האט מען געוואלט שרייבן אן ארטיקל וועגן ליובאוויטש אין א גרויסע צייטונג, און מען האט געוואלט לייגן א בילד פון רבי'ן לעבן די ארטיקל. איינער פון די מזכירים האט געבעטן דעם רבי'ן, אז דער רבי זאל אויסקלייבן וועלכע בילד מען זאל ארינלייגן. דער רבי האט געקוקט אויף די בילדער, און האט געענטפערט אז די מזכירים זאלן אויסקלייבן די בילד, נאר מען זאל זיכער מאכן צו קלייבן א בילד אין וואס דער רבי שמייכלט!

קינדער, דאס איז די דוגמא חי' וואס דער רבי באווייזט אונז: אלעמאל זיין מיט א שמייכל. דוקא אין חודש אדר, זאל מען אלעמאל זיין צופרידן, און מאכן אנדערע צופרידן: ווייל נאר אזוי טאנצט מען אריין אין גאולה! משיח נאו! א. וועכטער

# דער חסידיש'ער לוח

## ט' אדר



ווי גרויס איז געווען די שמחה! "אשרי עין ראתה", ווי גליקלאך זיינען די אויגן וואס האבן געזען, ווי דער פריערדיקן רבי'ן איז אנגעקומען אין אמעריקא. מיט גרויסע נסים איז דער פריערדיקער רבי ארויסגעקומען פון פוילין וואס איז יעמאלט געווען אונטער די שליטה פון די נאצים ימ"ש.



דינסטיק, ט' אדר, ת"ש איז דער שיף וואס האט געבראכט דעם פריערדיקן רבי'ן אנגעקומען אין ניו יארק, נאך א רייזע פון 12 טעג אויפ'ן וואסער.

טויזנטער אידן זיינען געקומען צו מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. ווען דער רבי איז אנגעקומען האבן אלע פארזאמלטע געשריגען "שלום עליכם!". א סאך מענטשן האבן געזאגט די ברכה "שהחיינו".



ביי דער סעודה וואס מען האט אנגעגרייט אלץ א ברוך הבא פאר'ן רבי'ן, האט דער רבי אפגעדאנקט דעם אויבערשטן אויף אלע נסים, און האט דערמאנט די אידן וואס האבן יעמאלט געליטן. דער רבי האט געזאגט אז זייער געוויין פילט ער טאג און נאכט.

דער פריערדיקער רבי איז געקומען מיט א קלארע שיטה וועגן אמעריקא. "אמעריקא איז ניט אנדערש!", האט ער געזאגט. פונקט אזוי ווי אידן זיינען געווען פרום און האבן געלערנט תורה אין אירופא, מוז מען זיין פרום און אויפשטעלן ישיבות אין אמעריקא. עס איז ניט קיין חילוק וואו מען געפינט זיך, דער אויבערשטער איז דאך איבעראל!

אין דעם זעלבן טאג וואס דער פריערדיקער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקא, האט ער אויפגעשטעלט ישיבת תומכי תמימים אין אמעריקא!

# האסטו געוואוסט?

**פארוואס האט המן געטראכט אז חודש אדר וועט זיין א גוטע צייט צו הרג׳נען די אידן ר"ל? ווייל המן האט דורכגעקוקט אונזער לוח, צו זען ווען די אידן זיינען אין א שוואכע צייט_ ווען ער איז אנגעקומען צו חודש אדר, האט ער באמערקט אז דאס איז דער חודש אין וואס משה רבינו איז נסתלק געווארן_**

**"אהא!" האט ער געזאגט, "דאס איז א חודש וואו עס פעלט (ח"ו) די פארהיטונג פון דער אויבערשטער אויף די אידן, ווייל זייער משה איז אין דער חודש נסתלק געווארן_"**

**המן האט געמאכט א גרייז_ ער האט ניט באמערקט אז משה רבינו איז אויך געבארן געווארן ז׳ אדר_ דער טאג איז א גרויסע <u>זכות</u> פאר אידן, און המן האט ניט געקענט טאן שלעכטס צו די אידן צוליב דעם!**

**משה רבינו איז געבארן געווארן און נסתלק געווארן אויפ׳ן זעלבן טאג: ער האט געלעבט פונקט א הונדערט און צוואנציג יאר_ דער אויבערשטער גיט געוויסע גרויסע צדיקים פונקטליכע גאנצע יארן_ משה איז נסתלק געווארן א קורצע ווילע איידער די אידן זיינען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל: ער אליין איז קיינמאל ניט אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל_**

**אין דער זכות פון לערנען, היטן און פארשפרייטן *תורת משה* וואס מיר האבן, וועלן מיר זוכה זיין צו משיח, ווען משה רבינו, צוזאמען מיט זיין דור - דער דור דעה, וועלן סוף סוף אריינגיין אין ארץ ישראל!**




אין די פרשה פון דער וואך, ליינט מען ווי די אידן האבן געבויט א משכן אין דער מדבר. יארן שפעטער, אין דער צייט פון שלמה המלך, האט מען אויפגעבויט א בית המקדש, א שטוב פאר'ן אויבערשטער, וואס איז געבליבן אין איין ארט.

יעמאלט האט מען שוין ניט געדארפט האבן די אלע קרשים און זילבערנע האלטערס פון דער משכן. וואס האט שלמה המלך געטאן מיט די אלע זאכן? ער האט זיי ניט געקענט ארויסווארפן, ווייל זיי זיינען געווען זייער הייליק: ווייל מען האט זיי גענוצט אין דער משכן.

אונזערע חכמים דערציילן אונז אז אין דער צייט פון די גאולה וועט מען נאכאמאל נוצן די ספעציעלע חלקים וואס זיינען גענוצט געווארן אין משכן. זיי וועלן זיין א חלק פון דער בית המקדש השלישי!

# דערציילט מיר א מעשה

***איז עס אזוי שלעכט צו זיין א בעל גאווה? לייען די פאלגענדע מעשה, און איר וועט קענען אליין באשלאסן די ענטפער.***

אין א שטאט לעבן ליאזנא, האט געלעבט אן אלמנה מיט איר זון און צוויי טעכטער. די קינדער האבן געהאלפן זייער מאמע צו האלטן א קליינע גאסט הויז פון וואס זיי האבן געהאט פרנסה. די עלטסטע טאכטער, וואס איז געווען א יראת שמים, האט חתונה געהאט מיט וועלוועל, א תלמיד חכם, אבער אויך א גרויסער בעל גאווה.

איינער פון די מענטשן וואס איז געקומען צום גאסט הויז איז געווען א גאלאח. ער האט פיל שעה גערעדט מיט וועלוועל וועגן אידישקייט. וועלוועל האט אלעמאל געוואונען די וויכוחים, און ער איז געווארן נאך א גרעסערע בעל גאווה.

נאך איינער פון די וויכוחים, האט דער גאלאח געזאגט אז דער גרעסטער גאלאח פון וויטעבסק וויל זיך טרעפן מיט וועלוועל. וועלוועל איז איינגערעדט געווארן. ער האט דאס ניט דערציילט צו זיין משפחה, און ער איז געפארן קיין וויטעבסק.

אין וויטעבסט האט מען געגעבן אסאך כבוד צו דער יונגע וועלוועל. ער האט געמאכט א גרויסע איינדרוק אויף אלע מענטשן וואס האבן גערעדט מיט אים, און זיי האבן אים אויף דעם געדאנקט. וועלוועל איז צוריקגעפארן צו זיין ווייב מיט אן אנגעבלאזענע הארץ. ער האט ניט דערציילט קיינעם וואו ער איז געווען.

א פאר וואכן שפעטער, זיינען געקומען א גרויסע גרופע תלמידי חכמים צום גאסט הויז. זיי האבן גערעדט אין לערנען, און וועלוועל האט זיך אריינגעמישט. איינע פון די תלמידי חכמים האט געשמייכלט און האט צו אים געזאגט,

"א יונגע מענטש זאל צוהערן צו וואס תלמידי חכמים זאגן, און האבן דרך ארץ!"

די ווערטער האבן זייער געבאדערט וועלוועל, און ער האט געטראכט, "ווער זיינען די מענטשן וואס גיבן מיר ניט קיין כבוד? אפילו די גרויסע גלחים גיבן מיר כבוד!"

א פאר וואכן שפעטער איז וועלוועל פארשוואונדן געווארן. זיין משפחה האט באקומען א בריוו פון אים אז ער לעבט יעצט אין וויטעבסק, און ער האט אסאך כבוד פון די מענטשן. וועלוועל איז געווען זייער צופרידן.

ווי איר קענט פארשטיין, איז זיין משפחה געווען זייער אומצופרידן: זיי זיינען געווען אינגאנצן צובראכן צו הערן די נייעס.

זיי זיינען גלייך געלאפן צו דער אלטער רבי אין שול, און האבן געשריגן, "רבי, העלף אונז! וועלוועל וויל זיך שמד'ן ר"ל!"

דער רבי האט זיי געענטפערט, "איך קען אייך ניט העלפן, אבער איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואס איז געשען ווען איך בין געווען אין מעזריטש.

'איין טאג איז געווען א איד וואס האט באשלאסן אז ער וויל זיך שמד'ן ר"ל. זיין טאטע איז געלאפן צו דער מעזריטשער מגיד, און האט געשריגן, 'רבי, ראטעוועט מיין זון!'

דער מגיד האט צוגעהערט צו די מעשה, און האט געזאגט א ווארט וועגן א איד וואס זיינדיקט. דערנאך האט דער מגיד געזאגט,'צען חסידים זאלן בלייבן וואכט דורך דער נאכט און זאגן תהילים ביז אינדערפרי.'

" איך בין געווען איינע פון די צען," האט דער אלטער רבי געזאגט. "א פאר שעה נאך דעם וואס מיר האבן געענדיקט זאגן תהילים, איז דער איד - דער וואס האט געטראכט זיך צו שמד'ן ר"ל– אריינגעקומען אין שול. קיינער האט אים ניט געפרעגט וואס איז געשען.

"ער איז געבליבן א פאר טעג, און נאכדעם וואס ער איז אריינגעגאנגען צום יחידות ביים מעזריטשן מגיד, איז ער אהיים געפארן."

דער אלטער רבי האט געענדיקט דערציילן זיין מעשה, און ער איז צוריק אריינגעגאנגען אין זיין צימער.

די חסידים האבן גלייך געקליבן צען מענטשן וואס זיינען געבליבן וואכט א גאנצע נאכט, און האבן געזאגט תהילים. עס האט ניט גענומען לאנג, ביז א יונגערמאן איז אריינגעקומען אין שול. ער האט זיך אראפגעזעצט, און האט אנגעהויבן זאגן תהילים מיט א גרויסע געוויין. די חסידים האבן פארשטאנען ווער ער איז, אבער זיי האבן גאר ניט געפרעגט.

דער יונגערמאן איז געבליבן א וואך אין ליאזנע, און האט געהאט א יחידות מיט דער אלטער רבי. נאכ'ן יחידות איז ער אהיים געפארן, ווי אן אנדערע מענטש. א פאר וואכן שפעטער איז ער, צוזאמען מיט זיין משפחה, געפארן לעבן אין אן אנדער שטאט, און ער איז געווארן א שטארקע חסיד פון אלטן רבי'ן.

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת תרומה

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

## ווער בין איך, פון וואנען קום איך?

אונטן זיינען פאראן זאכן וואס זיינען פארבונדן מיט פורים. שרייב אריין ביים זייט פון יעדער איינער, צו וועלכן גרופע עס באלאנגט.

| | | |
|---|---|---|
| תרש ___ | סעודת פורים ___ | משלוח מנות ___ |
| בגתן ___ | ושתי ___ | נדדה שנת המלך ___ |
| מתנות לאביונים ___ | עד דלא ידע ___ | מרדכי ___ |
| אזני המן ___ | גראגער ___ | ועל הניסים ___ |
| ככה יעשה לאיש ___ | מסכות ___ | אחשורוש ___ |
| אסתר ___ | הפיל פור ___ | עד חצי המלכות ___ |
| קריאת המגילה ___ | אחשורש ___ | המן ___ |

א. ווערטער פון די מגילה

ב. מענטשן פון די מגילה

ג. מנהגי פורים

ד. מצוות פורים

**הצלחה רבה**

נאמען: ______________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ______________________

______________________

אימייל: ______________________

די געווינער פון פרשת משפטים: מנחם מענדל חזקלביץ, 6